# א ציג מיט זיבן ציגעלעך



צענטרפארלאג כארקאוו

טעקסט ל. קוויטקא

פּילדער א. סודאמארא

13/4460

[0.87.1]



אַמאָל, אַמאָל האָבן געלעבט אַ צאַפּ מיט אַ ציג, האָבן געהאַט אַ שטוּב, באַלעבאַטישקייט, און אלדאָס גוּטס. געלעבט האָבן זיי צופרידן, פריילעך און זאט און זיבן ציגעלעך געהאט. זעקס ציגעלעך זיינען געווען געזונט און שיין, נאָר דאָס זיבעטע — זייער געמיין. די ריפּן ווי שפּיזלעך, דערצו נאָך געהונקען אַף אַ פיסל, — דערפאַר אָבער קליגער פון אלע און פריי־לעכער פון אלע.

13/ 4460



איינמאָל איז דער צאפ געשטאָרבן און די ציג איז אליין געבליבן מיט די קינדערלעך. האָט זי גענומען זאָרגן: וואָס טוט מען היינט, וואָס טוט מען מאָרגן, וואָס מאכט מען דאָ! — מע דאַרף די קינדער געבן עסן — און נישטאָ. מע מוז אין וואלד גיין עסן זוכן, נאָר ווי קאָן מען די קינדער אליין לאָזן? נאָר מע מוז. נעמט זי די ציגעלעך לערנען און בעטן זיי, ווען זי איז ניטאָ — ניט שטיפן און קלעטערן, די טיר גוט פארשליסן און קיינעם ניט עפענען.



די ציג איז אוועק אין וואלד, דעם גאנצן טאָג ארומגעגאן, עסן אָנגעקליבן און אהיימגעקומען, זיך געשטעלט בײַ דער טיר און געזונגען:

„ציגעלעך־מיגעלעך
סע ווערט שוין נאכט
די מאמע האָט געבראכט
מילעך אין די קריגעלעך.“

די ציגעלעך האָבן דערקענט איר קאָל און זי אריינגעלאָזט.



מאָרגן איז די ציג ווידער אוועק אין וואַלד אַריין. פאַרן אַוועקגיין האָט זי ווידער אָנגע־זאָגט, זיי זאָלן זיך פאַרשליסן און קיינעם ניט אַריינלאָזן. נאָר דער בער האָט אונטערגעהערט ווי די ציג האָט געזונגען בײַ דער טיר און אויך גענומען זינגען מיט זיין גראָבער שטים.

„ציגעלעך־מיגעלעך די מאמע האָט געבראַכט
סע ווערט שוין נאַכט מילעך אין די קריגעלעך.
עפנט די טיר די מאמע איז געקומען“.

די ציגעלעך האָבן געמיינט ס׳איז די מוטער. זיי־נען זיי געלאָפן עפענען די טיר. נאָר דאָס קרומע ציגעלע האָט זיי אָפּגעשטעלט: „נאַראָנים, איר הערט דען ניט, אַז ס׳איז ניט דער מאמעס קאָל? אונזער מאמע האָט א דין קעלעכל און דער איז אַזאַ גראָבער! ס׳איז דער בער נאַרט אונז, וויל אונז אויפעסן. די ציגעלעך האָבן געפאָלגט דעם קרומען און ניט געעפנט.



אָפּן אַנדערן טאָג, ווען די מוטער איז ווידער אוועק, איז געקומען דער בער און מיט א דין קעלעכל אַ זינג געטאָן:

„ציגעלעך־מיגעלעך די מאמע האָט געבּראַכט
סע ווערט שוין נאַכט, מילעך אין די קריגעלעך.״



די ציגעלעך האָבּן זיך דערפרייט, געמיינט ס׳איז די מוטער, און געלאָפן עפענען די טיר. און דער קרומער שרייט צו זיי: „וואָס טוט איר, נאַרע־לעך, דאָס נאַרט אונז דער בּער, די מאמע איז דאָך ערשט אוועקגעגאַן, זי קומט ניט אַזוי גיך. און דער בּער זינגט ווידער זיין לידל. און דע־מאָלט האָבּן די זעקס ציגעלעך ניט געוואָלט פאָלגן מער דעם קרומען און געעפנט די טיר.



זעט דאָס קרומע ציגעלע, ס׳איז שלעכט, פאַרשטעקט עס זיך הינטערן אויוון. דער בּער איז אריין, געכאַפּט אלע זעקס ציגעלעך און דאָס זיבּעטע ניט געקאָנט דערלאנגען. „וואַרט,ווארט, — האָט דער בּער געזאָגט, — כ׳וועל דיך אויך דערלאנגען, לאָמיך נאָר די זעקס בּאהאלטן.



דער בּער האָט פאַרנומען די ציגעלעך און זיי פארטראָגן צו זיך אין דער נאָרע. און דאָס קרומע איז אַרויס פון אונטערן אויוון, איז נאָכגעגאַן דעם בּער, אויסגעקוקט וואו זיין נאָרע געפינט זיך און גיך אהיים געלאָפן.



דערווייל איז די
ציג געקומען פונם
וואלד, זעט זי די טיר איז
אָפן, די שטוב איז ליידיק, האָט זי באלד פאַרשטאַנען וואָס דאָ האָט געטראָפן און
זיך שטאַרק צעוויינט. איז געקומען דאָס קרומע ציגעלע:
— וויין ניט מאמע, ניטאָ קיין צייט צו וויינען, דער בער וועט באלד ווידער
אַהער קומען, לאָמיר בעסער גראָבן אַ גרוב פאַר אים.
האָט די ציג גענומען, צעגראָבן די ערד מיט די טלאָען, און דאָס ציגעלע האָט
די ערד אוועקגעשארט און פארגלייכט, פאַרקערט, דער בער זאָל גאָר ניט באמערקן.
זיי האָבן די גרוב צוגעדעקט מיט צווייגעלעך, פארשיט מיט טרוקענע בלעטער און
אליין זיך באהאלטן הינטער די בוימער.



איז געקומען דער בער און א טעלעמעץ געטון אין גרוב אריין.



און דאָס ציגעלע האָט געוואוסט, וואו
ס׳איז דעם בערס נאָרע און געפירט אהין
די מוטער. און ביז דער בער איז פון גרוב
ארויסגעקראָכן האָט די ציג שוין איבער־
געטראָגן אלע אירע קינדערלעך. און ווי־
דער איז געוואָרן פריילעך און די ציגע־
לעך זיינען געוואָרן גרעסער. און ס׳איז
געוואָרן גוט און אונז וועט זיין נאָך בעסער!

## „קוק און לייען“.


1. מאָל שמעטערלעך —פר. 10 ק.
2. ווילדע כאיעס . . . —פר. 13 ק.
3. מאָל פייגעלעך . . . —פר. 10 ק.
4. ווי מענטשן פאָרן —פר. 10 ק.
5. אייזיקל אף דער רייזע—פר. 16 ק.
6. מאָל שפּילעכלעך . . —פר. 10 ק.
7. היימישע כאיעס . . —פר. 13 ק.
8. שפּיל און שפּילעכלעך—פר. 10 ק.
9. אַ ציג מיט 7 ציגעלעך—פר. 22 ק.
10. דאָס שטיבעלע . . . —פר. 22 ק.






Коза та 7 козенят

Текст — Л. КВІТКО Мал. О. Судомори.


Всеукраїньска філія Центрального Видавництва Народів СРСР при Президії ВУЦВК'у — Харків (Палац Праці).

Виконано Видавництвом „КУЛЬТУРА“ Київ.


№ 9

פּרייז 22 קאָפּ.


Укрголовліт № 2804/36401

Держтрест „Київ-Друк“, 1-ша фото-літо-друк. Зам. № 1061 — 5,000.